בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

מאמר ב'
ס"ג פרשת ויחי תשפ"ב

יו"ל פר' ויחי תשפ"ג



# נתנדב לזכר נשמת
# רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

## "גחלי אש"

לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

## "בם חייתני"

לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**פרשת** ויחי איז דער סיום פון חומש בראשית וואס איז די ספר פון די אבות הק', און מען הייבט אן ליינען חומש שמות וואס איז די ספר פון די בנים-קינדער - פון די גלות, און דאס וואס מיר האבען פון די אבות איז דער אינערליכע ווילען - רצון הפנימי, 'רצון' ווערט אנגערופען אין די תורה מיט א לשון **'אבה'** (בא י, כז ועוד), און דער שורש פון דיווארט **'אבה'** איז **אב**, דאס איז דער כח וואס מיר האבען פון די אבות הק'.

**שטייט** אין פסוק (מט, א) 'ויאמר יעקב אל בניו האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים', און ס'שטייט אין **זוה"ק** (רלד:) אז טראצדעם וואס חז"ל זאגען אז 'ביקש יעקב לגלות את הקץ ונסתם הימנו', פונדעסטוועגען האט יעקב אבינו אנטפלעקט דאס וואס ער האט געוואלט אנטפלעקען, נאר ער האט דאס אנטפלעקט אויף א באהאלטענעם וועג, און ס'שטייט קלאר און דייטלעך אין די פסוקים פון די פרשה. און געוויס טאקע פארשטעלטערהייט ליגט באהאלטען אין דעם פסוק דער סוד קיום אין גלות.

**שטייט** אין **תפארת שלמה** (אויפ'ן פסוק האספו) אז 'כנסת ישראל' בעהט פון די שכינה הק' **'משכני אחריך נרוצה'** (שה"ש א, ד), מיר בעטען פונעם אייבערשטען אז ער זאל אונז ציעהן צו איהם מיט'ן מידת החסד און מיר זאל'ן איהם נאך לויפ'ן, ווייל ס'שטייט אין די גמרא (קדושין כב:) אז ס'דא צווי ערליי וועגען אין קנין משיכה, אדער **'הכישה במקל ורצתה לפניו'**, אדער **'קורא לה והיא באה'**, און אויף 'אחרית הימים' - בעטען מיר **'אשר יקרא אתכם'**, ווייל אין גלות איז אין אונז מקויים געווארען דער ערשטע אופן אינעם בחינה פון **'הכישה במקל'**, און מיר זענען געשלאגען געווארען מיט אלע יסורים אינעם שווערען ביטער'ן גלות, און מיר האפען צום טאג וואס דער נאנשאפט צום אייבערשטען וועט זיין אויפ'ן צווייטען אופן פון **'קורא לה והיא באה'**, מיר זאלען הערען

דעם רוף פונעם רבונו של עולם - ווייל דער רוף איז א אייביגע און ס'איז דא אויך אין דער שוועריקייט פונעם גלות, און ווען דער רצון אין הארץ וועט זיך אויפוועקען צום קול וואס רופט, דענסטמאהל וועלען מיר ווערן נאכגעצויגען נאך איהם בלויז מיט'ן כח פונעם רוף אליינט, און אויף דעם בעהט מען **'משכני אחריך נרוצה'** - נישט בבחינת **'הכישה במקל ורצתה לפניו'**, וואס דער וואס שלאגט געפינט זיך אינטער'ן בהמה, נאר בבחינת **'קורא לה והיא באה'** אז דער אייבערשטער געפינט זיך פאר אונז, אז מיר זאלען האבען דעם רצון נאכגעצויגען ווערן נאך איהם ית"ש [ועי' לקוטי הרי"מ לפסח - שה"ש עה"פ משכני אחריך, מהבית ישראל בשם החידושי הרי"מ זי"ע].

**און** לכאורה דארף מען אריין קלערען אין די הייליגע ווערטער פונעם **תפארת שלמה**, ווייל עס ווערט ערקלערט אין די גמרא (קדושין שם) אז קנין משיכה פון **'קורא לה והיא באה'**, העלפט נישט בבני אדם - בקנין עבדים, ווייל א בהמה **'אדעתא דמרה אזלה'**, אבער **'אדם אדעתיה דנפשיה קאזיל'**, און נאר א עבד קטן שאין לו דעת כבהמה דמי. און אויב אזוי, וויא אזוי בעטען מיר **'משכני אחריך נרוצה'** - אז ס'זאל זיין אין א אופן פון **'קורא לה והיא באה'**.

**נאר** דער פשט דערין איז אז ס'שטייט (תהלים לו, ז) **'אדם ובהמה תושיע ה''**, און חז"ל זאגען (ויק"ר כז, א) **'אמרו ישראל רבונו של עולם כאדם אנחנו, כבהמה תושיענו לפי שאנו נמשכין אחריך כבהמה**, הה"ד 'משכני אחריך נרוצה' (שה"ש א, ד)'. און דער **שפת אמת** זאגט דערויף (סוכות תרנ"ד ד"ה ערבה) אז אזוי איז געווען דער אנהייב פון די עבודת האבות וואס זיי זענען נאכגעצויגען געווארען נאך איהם ית"ש נאך איידער וואס מען האט זיי געגעבען דער תורה, און אזוי שטייט אין פסוק דער עיקר שבח אויף די יודישע קינדער (ירמיה ב, ב) **'זכרתי לך חסד נעוריך לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה'**, אז דער ליעבשאפט איז דאס וואס די יודישע קינדער זענען נאכגעצויגען געווארען נאך איהם נאך אין אנהייב נאך איידער וואס זיי האבען באקומען די תורה און דעם דעת (עי' סוכות תרמ"ט

ד"ה מצות ותרנ"ח ד"ה כתיב), און דאס איז בבחינת **'נמשכנו אחריך כבהמה'** אן קיין הבנה און אן קיין דעת, ווייל דאס אלץ וואס דער מענטש איז מער פון א בהמה איז נאר דורכ'ן תורה, אז די תורה מאכט און דרייט איהם איבער אז ער זאל ווערען א אנדערע סארט מענטש, דורכדעם וואס זי באלייכט פאר איהם דאס וועג און גיבט איהם דעת, און פונדעסטוועגען זענען מיר נאכגעצויגען געווארען נאך איהם מיט א אינערליכען רצון.

**לייגט** דער שפת אמת צו, אז אזוי וועט זיין אין סוף פון די דורות, וואס מיר האבען נישט קיין דעת אזוי וויא א מענטש, און מיר דארפען ווערען נאכגעצויגען נאך איהם אזוי וויא א בהמה מיט די כח הרצון הפנימי וואס מיר האבען פון די אבות הק', וואס אויך זיי זענען נאכגעצויגען געווארען נאך איהם ית"ש אזוי וויא א בהמה, ווייל דאס איז דער כח וואס מיר האבען **'באחרית הימים'**, אזוי וויא ס'שטייט (צפניה ג, יב) **'עם עני ודל וחסו בשם ה''**.

**און** דאס איז דער הסבר אין דעם וואס מיר בעטען **'משכני אחריך נרוצה'**, נאכגעצויגען ווערען נאך איהם, ד.ה. מיט'ן כח הרצון וואס מיר האבען פון די אבות הק', ווייל געוויס טאקע האבען מיר נישט קיין השגות, און מיר האבען נישט קיין דעת, און מיר זענען צוגעגליכען אזוי וויא א בהמה, אבער מיר בעטען אז מיר זאלען זוכה זיין צו ערוועקען דעם אינערליכען רצון אזוי וויא די אבות מיט די דור המדבר זענען נאכגעצויגען געווארען נאך איהם ית"ש, נאך איידער מען האט זיי געגעבען די תורה, און דעריבער העלפט ביי אונז **'קורא לה והיא באה'**, אז מיר זאלען ווערען נאכגעצויגען נאכ'ן קול הקריאה פונעם רבונו של עולם - **נמשכנו אחריך כבהמה**.

**אבער** כדי צו ערוועקען דעם אינערליכען רצון צום רבונו של עולם און ווערען נאכגעצויגען נאך איהם, דארף דער מענטש זיך פלאגען און מיטשען אז ער זאל האבען א ריינע און א לויטער'ן רצון, אוועק צו שטיפען אלע נישט ריינע רצונות, און נאר האבען גוטע רצונות. שטייט (שה"ש ג, א) **'על משכבי בלילות בקשתי את שאהבה נפשי בקשתיו ולא מצאתיו'**,

**צדיקים זי"ע** האבען געזאגט אז פון דא איז דא א ענטפער פאר די אלע וואס דזאלעווען זיך אפ אז זיי האבען נישט קיין טעם אין דאווענען, זיי האבען נישט קיין טעם אין לערנען - **'בקשתיו ולא מצאתיו'**, דער סיבה דערויף זאגט שלמה המלך ע"ה **'בקשתי את שאהבה נפשי'** - וויבאלד דו האסט געבעטען 'אהבות' פון כל מיני ערליי אנדערע זאכען, פרעמדע גליסטונגען און גשמיות'דיגע תאוות, דער כח און דער רצון וואס דער אייבערשטער האט דיר געשאנקען במתנה, און דער כח הרצון וואס דו האסט געירשנ'ט פון די אבות הק', האסטו געניצט צו ווערען אנדערע זאכען, און טאקע געוויס פארמאגסט דו דעם כח הרצון, אבער עס איז פארדרייט און קאליע, און דעריבער ווען דו זוכסט דעם רבונו של עולם, און דו זוכסט צו שפירען א טעם אין תורה און אין תפלה - **'בקשתיו ולא מצאתיו'**, ווייל דו האסט פארלוירען טעם חוש הטעם (עי' תפארת שלמה לקוטים על שה"ש).

**און** כדי מעורר צו זיין דעם רצון צום גוטענס פאדערט זיך א ארבעט און יגיעה, און ס'שטייט אין **שפת אמת** (עי' מטות תרל"ב) אז ס'איז נישט לייכט אנצוקומען צו א רצון אמת, ווייל מיר לעבען דאך אין א עלמא דשקרא, און אזוי וויא די **צדיקים זי"ע** האבען געטייטשט **'רעוא דרעוין'** - אז ס'מיינט אז מיר האבען נישט קיין אמת'ן רצון, נאר א עפעס א חלק פון א רצון, עפעס פון א רצון, אבער דאס איז די עבודה וואס פאדערט זיך פון אונז אינעם עולם השקר און אינעם עולם הדמיון, זיך מייגע זיין נאכאמאהל און נאכאמאהל, און דורכ'ן געוואוינהייט קען מען צוקומען צו האבען אביסעל א אמת'ע רצון, אבער מ'דארף ארבעטען אויף דעם א שטענדיגע ארבעט.

**חז"ל** זאגען (הובא ברש"י ויצא ל, כה) 'ויהי כאשר ילדה רחל את יוסף ויאמר יעקב אל לבן שלחני ואלכה' - משנולד שטנו של עשו שנאמר (עובדיה א, יח) 'והיה בית יעקב אש ובית יוסף להבה ובית עשו לקש', **אש בלא להבה אינו שולט למרחוק**, משנולד יוסף בטח יעקב בהקב"ה ורצה לשוב. דארף מען צו פארשטיין, יעקב האט דאך נישט מלחמה געהאלטען מיט

עשיו פון דערוויייטענס, נאר ער איז געגאנגען איהם טרעפען פנים אל פנים, איז פארוואס דארף מען א פלאם וואס דערגרייכט אויך אויף צו וויייטענס, פארוואס איז נישט גענוג די פייער פון יעקב זיך צו שטארקען אויפ'ן 'קש' - שטרוי פון עשיו. נאר דער פשט דערפון איז, אז ס'גייט ארויף אויף די שטענדיגע מלחמה וואס איז פאראן צווישען יעקב מיט עשיו - אין אלע דורות, און אין 'אחרית הימים' - וואס מיר זענען דערווייטערט געווארען פונעם אייבערשטען, דארף מען האבען די כח פונעם פלאם - להבה וואס איז שולטת למרחוק - ס'פועלט אויך אויף די וואס האבען זיך דערווייטערט, דורכ'ן רצון וואס ברענט אין פנימיות פון הארץ און **די התלהבות צו א דבר שבקדושה, קען מען זיך מתגבר זיין אויף עשיו הרשע און אלע שלעכטע כוחות אז ס'זאל זיין 'בקשתיו ומצאתיו'.** און געוויס טאקע איז דאס נישט לייכט, אבער מ'דארף פארגרעסערען דעם כח הרצון לטוב, און דורכ'ן התגברות אויף '**בקשתי את שאהבה נפשי**', גרייט דאס צו דעם נפש צו שפירען א טעם אין תורה און תפלה, און יעדער סארט התגברות, צו **דאס איז א התגברות אויף ביטול זמן, אדער א התגברות נישט צו קוקען דארט וויא מען דארף נישט, אדער א התגברות אויף תאות האכילה, די אלע התגברות'ן גרייטען צו דעם נפש צו וועלען גוטע זאכען.**

**שטייט** אין **שפת אמת** (בהעלתך סוף תרמ"ז) אז טאקע געוויס איז די וועג דא אויף די וועלט זיך מתגבר צו זיין אויפ'ן משיכה צו גשמיות איז דורך הארוואניע, אבער פונדעסטוועגען מרוב תשוקה צו טוהן דעם רצון פונעם אויבערשטען, דארף דער רצון פון מענטש בטל ווערען בששים און במאה פון רוב התלהבות און תשוקה לעשות רצונו ית"ש, עי"ש.

**און** אט דער גאנצע ענין פון ביטול בששים און במאה - איז כדי מבטל צו זיין דעם טעם, ווייל אויף '**ביטול יבש ביבש**' דארף מען צו האבען נאר '**חד בתרי**', און נאר דער 'טעם' איז 'בטל בששים' (עי' יו"ד סי' צח), און ס'דא א מאן דאמר אין די גמרא וואס האלט אז ס'ווערט 'בטל במאה' (עי' חולין צח.).

**געוויס** טאקע אז דער מענטש זאל בכלל נישט שפירען קיין טעם אין עולם הזה איז א הויכע מדריגה, און מיר זענען נאך ווייט דערפון, ווייל מיר דארפען זיך מתגבר זיין אויף דאס וואס ציעהט אונז צו די תאוות פון די וועלט, כדי צו שפירען א טעם אין תורה און אין תפלה. אבער מיר דארפען כאטש שטרעבען דערויף צו צוקומען צו די דרגה, אז אלע רצונות פון דער מענטש זאלען זיין בטלים בששים און אין מאה, עד כדי אז מ'זאל בכלל נישט שפירען קיין טעם אין די הבלי עולם הזה, פון רוב התלהבות צו טוהן דעם רצון פונעם אייבערשטען, דורכדעם וואס מיר וועלען משתדל זיין און פראבירען זיך צו דערווייטערען פונעם עולם הזה, נישט וועלען אזוי פיהל די הבלי עולם הזה, וועלען מיר קענען ערוועקען אין אונז די רצון צו וועלען גוטע און ריכטיגע זאכען.

**ווייל וואס איז דען דא אין עולם הזה?!** די עולם הזה איז שקר! די עולם הזה איז פאלטש! און ווען דער מענטש איז זוכה צו שפירען א שמחה של מצוה, און שפירען א טעם אין תורה און תפלה, דענסטמאהל שפירט די נפש די אמת'קייט, ווייל מ'קען נישט אפשטילען די רצון פונעם נפש הישראלית מיט עולם הזה, און אזוי וויא ס'שטייט אין מדרש (קה"ר ו, ו) אויפ'ן פסוק (קהלת ו, ז) 'וגם הנפש לא תמלא' - **'הנפש אילו הבאת לה כל מעדני עולם אינם כלום לה, למה שהיא מן העליונים'**, ווייל די נפש איז באהאפטען צו רוחניות, און מ'דארף אנפילען די רצונות מיט חשק און מיט השתוקקות צום אייבערשטען, נאר מיר הערען נישט און מיר שפירען נישט דעם רצון פונעם נפש און מען באגראבט איהר אין די תאוות עולם הזה, אבער די נשמה בעט זיך **'אל נא תקברני במצרים'**. מיר דארפען שטארקען דעם רצון לטוב, דורך נאך א התגברות אויפ'ן יצר הרע, און נאך א אנשטרענגונג אין עבודת ה', צו מערען מיט דיבורי תפלה - אויך אויב אין אנהייב זעהט דאס אויס פאר'ן מענטש אזוי וויא ער רעדט אין די וועלט אריין, זאל ער צולייגען נאך א יגיעה אין תורה, און מקיים זיין נאך א מצוה, ווייל מיט יעדער קלייניקייט טוהט מען דעם רצון פון אייבערשטען,

און דאס איז איהם גורם נחת רוח.

**און** דורכדעם וואס מען דערווייטערט זיך פון די אהבות פון די וועלט, און מ'מאכט שטערקער דעם רצון צו רוחניות, וועט מקויים ווערן ביי אונז **'את אשר יקרא אתכם באחרית הימים'** - מ'זאל קענען הערען דאס קול וואס רופט און ווערן נאכגעשלעפט נאכ'ן אייבערשטען, **משכני אחריך נרוצה**, און מ'זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מיט א ווארימקייט און מיט התלהבות און מקיים זיין מצוות מתוך שמחה של מצוה, צו דערוועקען דעם אמת'ן רצון, און טוהן רצון אבינו שבשמים.